מיירא האט געוואוינט, האבען גע־
ברענט נאר א פאר לאמפען, וואס
מ'לאזט ברענען די גאנצע נאכט.
אין א ווייטען ווינקעל פון וועלכען

דער אנגעשטעלטער ביים דעסק
האט אונז נישט געקאנט זעהן, האט
זי מיר געזאגט „א גוטע נאכט"
און האט זיך אויסגעדרעהט מיט

איר גאנצען קערפער צו מיר, איר
מויל אנגעשטעלט צום קושען.

---

(ווייטערעס — מארגען)





די רבנים אויפ'ן בילד אויבען, פון לינקס צו רעכטס: הרב א. ב. שורין, הרב יוסף סינגער, הרב חיים אברהם ביאליק, הרב יצחק סטאלמאן, הרב אהרן סאלאווייטשיק, הרב ר' יוסף דוב סאלאווייטשיק, הרב בן־ציון נאטאלעוויץ, הרב משה אהרן פאלייעוו און הרב אהרן זלאטאוויץ.

אויפ'ן צווייטען בילד אונטען: ישיבה בחורים פון ישיבת רבי יצחק אלחנן (ישיבה יוניווארסיטי), וועלכע זיינען אויך געקומען באקען זייער שמורה מצה.

מיירא האט געוואוינט, האבען גע־ברענט נאר א פאר לאמפען, וואס מ׳לאזט ברענען די גאנצע נאכט. אין א ווייטען ווינקעל פון וועלכע דער אנגעשטעלטער ביים דעסק האט אונז נישט געקאנט זעהן, האט זי מיר געזאגט „א גוטע נאכט" און האט זיך אויסגעדרעהט מיט איר גאנצען קערפער צו מיר, איר מויל אנגעשטעלט צום קושען.

---

(ווייטערס — מארגען)





די רבנים אויפ׳ן בילד אויבען, פון לינקס צו רעכטס: הרב א. ב. שורין, הרב יוסף סינגער, הרב חיים אברהם ביאליק, הרב יצחק סטאלמאן, הרב אהרן סאלאווייטשיק, הרב ר׳ יוסף דוב סאלאווייטשיק, הרב בן־ציון נאטאלעוויץ, הרב משה אהרן פאלייעוו און הרב אהרן זלאטאוויץ.

אויפ׳ן צווייטען בילד אונטען: ישיבה בחורים פון ישיבת רבי יצחק אלחנן (ישיבה יוניווערסיטי), וועלכע זיינען אויך געקומען באקען זייער שמורה מצה.

# גרעסטע ראשי ישיבה און רבנים קומען באַקען מצה שמורה אין שטרייט׳ס מצה בעקעריי

דינסטאָג, ט״ז אדר ב׳, תשי״ז, זיינען זיך צונויפגעקומען די גרעסטע ראשי ישיבה און רבנים פון ניו יאָרק צו באַקען זייער שמורה מצה אין דער באַקאַנטער שטרייט׳ס מצה־בעקעריי אויף 150 ריווינגטאָן סטריט, ניו יאָרק.

די השגחה אויף דער שטרייט׳ס מצה בעקעריי שטעהט איצט אונטער דער פירערשאַפט פון דעם באַרימטען ראש הישיבה, הרב ר׳ אהרן הלוי סאָלאָוויטשיק, שליט״אָ, וועלכער איז אויפגענומען געוואָרען אויף דעם פּלאַץ פון הרב ר׳ אשר ניסן לעוויטאַן זצ״ל. הרב ר׳ אהרן סאָלאָוויטשיק צוזאַמען מיט הרב חיים אברהם ביאַליק פּאַסען־אויף אויף דער כשרות פון דער שטרייט׳ס מצות בעקעריי.

צווישען די אַנוועזענדע רבנים און ראשי ישיבה האָבען זיך געפונען אַזעלכע גרויסע פּערזענליכקייטען ווי הרב ר׳ יוסף בער סאָלאָוויטשיק, באָסטאָנער רב, און ראש־הישיבה פון ישיבת ר׳ יצחק אלחנן; הרב ר׳ משה דובער ריבקין, ראש־הישיבה פון תורה ודעת; הרב ר׳ משה פיינשטיין, ראש־הישיבה פון מתיבתא תפארת ירושלים און הרב ר׳ יצחק הוטנער, ראש־הישיבה פון מתיבתא רבי חיים בערלין, הרב חיים בן־ציון נאָטאָלעוויץ; הרב דוד ליפשיץ, פּרעזידיום מיטגליד פון אגודת הרבנים און הרב יצחק סטאָלמאַן, פּרעזידענט פון מזרחי־הפועל המזרחי.

עס זיינען אויך געווען אַנוועזענד די פאָלגענדע חשוב׳ע ראשי־ישיבה און רבנים: הרב ר׳ משה אהרן פּאָליעוו, ראש־ישיבה פון ישיבת רבי יצחק אלחנן; הרב ר׳ יוסף לייב אַרנעסט, ראש־ישיבה אין ישיבת רבי יצחק אלחנן; הרב ר׳ משה לעסין, מנהל רוחני פון ישיבת רבי יצחק אלחנן; הרב ר׳ יעקב שורקין און הרב ר׳ אברהם פּרוסקין, ראשי־ישיבה פון מתיבתא ר׳ חיים בערלין; הרב ר׳ יהודה צוויק, ראש־ישיבה פון תפארת ירושלים; הרב יוסף סינגער; הרב שמחה עלבערג, רעדאַקטאָר פון תורה זשורנאַל „הפרדס״; הרב יהודה אַלטוסקי, הרב שמעון מאָרדוכאָוויץ, הרב שמשון (הערבערט) גאָלדשטיין, הרב יצחק בונין, הרב פריינקעל, הרב יצחק סאַדין, הרב טוביה אַדאַמס, הרב אשר רייכעל, הרב מ. מ. ישר, הרב לוי ביליצקי, הרב כ״ץ, הרב ניובערגער, הרב פּאָפּלאַק, הרב נטע ביליצקי, הרב אוירינשטיין, הרב חיים זיגמאַן, הרב דוב מערלינג, הרב מ. י. קאַרלינסקי, הרב יהודה סתם, הרב ישראל שורין, הרב מאיר אַמסעל, רעדאַקטאָר פון „המאור״ און דר. הלל זיידמאַן, רעדאַקטאָר פון „דער אידישער וואָד״; הרב אהרן זלאַטאָוויץ, הרב משה גרינים און פיל אַנדערע.

די אַלע אויבענדערמאָנטע ראשי־ישיבה און רבנים האָבען אויסגעדריקט זייער צופרידענקייט פאַר דער גלענצענדער כשרות אין דער שטרייט׳ס מצה־בעקעריי. גאָר באַזונדערס זיינען זיי געווען באַגייסטערט פאַר די נייע הידורים (איינפירונגען) וואָס הרב סאָלאָוויטשיק האָט האַי־יאָר איינגעפירט אין דער בעקעריי. צו דערקלערען אַלע איינצעלהייטען פון די אויסבעסערונגען און הידורים איז ניט מעגליך אין די ראַמען פון אַן אַרטיקעל. עס וועט זיין גענוג צו דערמאָנען אַז מאַנכע באַרימטע ראשי־ישיבה און רבנים האָבען זיך אויסגעדריקט, אַז אַזוינע וויכטיגע תיקונים האָט מען נאָך ניט געזעהן.

די ברידער שטרייט, יצחק און יעקב, האָבען אויפגענומען מיט זייער טראַדיציאָנעלער גאַסטפריינטליכקייט די חשוב׳ע פּערזענליכקייטען פון דעם ניו יאָרקער ראַבינאַט. זיי האָבען דערביי ערקלערט, אַז וואָס אַנבאַלאַנגט די כשרות פון דער בעקעריי זשאַלעווען זיי ניט קיין געלט און קיין מיה. עס איז אַ פאַקט, אַז זיי האָבען זיך געלאָזט קאָסטען האַי־יאָר עקסטראַ טויזענטער דאָלער צו ערמעגליכען די איינפירונג פון די אַלע הידורים, וואָס הרב סאָלאָוויטשיק האָט פאַרלאַנגט. די ברידער שטרייט האָבען באַטאָנט פיל מאָל, אַז וואָס אַנבאַלאַנגט כשרות, זיינען די רבנים ביי אונז די העכסטע אויטאָריטעט, און קיינער טאָר ניט צווייפלען די וויכטיגקייט פון וועלכער ס׳איז איינפירונג וואָס דער רב פאַרלאַנגט. עס איז ווערט צו דערמאָנען די באַגייסטערונג פון די רבנים אויף דעם פאַקט, וואָס ביים באַקען די „שמורה מצה״ האָט מען יעדע 15 מינוט אָפּגעשטעלט די מאַשין און גרינטליך איר אויסגערייניגט איידער מען האָט ווידער אָנגעהויבען באַקען.